# קול יהדות אייראפע

גליון השבוע של שלומי אמוני ישראל תושבי אייראפע

י"ל ע"י חומת יהדות אייראפע

חומת יהדות אייראפע

גליון קכ"א
פרשת תולדות
תשפ"ג לפ"ק - שנה ה'


בעזהשי"ת

## פרישע 14 חרדי'שע מוסדות האבן זיך ליידער אנגעשלאסן אינעם נייעם 'חינוך חרדי ממלכתי' סיסטעם

'את אשר יגורנו בא' דאס וואס מ'האט מורא געהאט איז ליידער אנגעקומען | אין די פארגאנגענע חדשים איז אויסגעהאמערט געווארן די פרישע חינוך פלאן דורך א מוסדות נעץ פון איינע פון די חסיד'ישע קהלות אין ארץ ישראל | ליידער ווערט יעצט באקאנט אז נאך פרישע 14 מוסדות האבן זיך שוין אנגעשלאסן דערין מיט די מסודר'דיגע פלאן לויט ווי די פארגייער האבן אויסגעארבעט

מיט גרויס אויפברויז ווערט אויפגענומען די באריכטן וואס קומען אן פון ארץ ישראל איבער די פרישע אנטוויקלונגען אינערהאלב די תלמודי תורות ברחבי ארץ ישראל ווען מ'באגעגנט זיך מיטן פאקט אז 'את אשר יגורנו בא' דאס וואס מ'האט מורא געהאט איז ליידער אנגעקומען. נאך וואס ווי שוין באריכטעט איז אין די פארגאנגענע חדשים אויסגעהאמערט געווארן א פרישע חינוך פלאן דורך א מוסדות נעץ פון איינע פון די חסיד'ישע קהלות אין ארץ ישראל, מיט א פלאן וואס זיי רופן 'חינוך חרדי ממלכתי' וואס דאס איז אהערגעשטעלט מיט א מסודר'דיגע סיסטעם פון אריינמישן די גע'אסר'טע לימודים אין די היימישע מוסדות, ווי למשל דאס לערנען די ענגלישע שפראך וואס דאס איז גע'אסר'ט געווארן דורך די גדולי דור הקודם זצוק"ל, און אזוי אויך נאך אנדערע טריפה'נע כפירה לימודים וואס ווערן אפיציעל אריינגעלייגט אינעם פראגראם אזאנס וואס מ'האט זיך נישט געטרויעט ביז איצט, און אצינד בעד בצע כסף האט מען דאס אויסגעארבעט מיט די 'משרד החינוך'.

גראד ווען ס'איז באקאנט געווארן איבער די פירצה איז שוין געווארן א רידעריי אין די חרדי'שע גאס היתכן אזאנס אריינצוברענגען צווישן חסידישע מוסדות א זאך וואס איז נאכנישט געווען אפי' ביי די מוסדות וואס נעמען ליידער יא געלט משולחן איזבל, און ס'איז תיכף ערוועקט געווארן ערנסטע חששות אז אויב אזא גרויסע חסידי'שע קהלה הייבט אן מיט אזא פלאן וועט דאס מיט די צייט נאכשלעפן נאך מוסדות מיט זיך. און ליידער ווערט יעצט באקאנט אז נאך פרישע 14 מוסדות האבן זיך שוין אנגעשלאסן דערין מיט די מסודר'דיגע פלאן לויט ווי די פארגייער האבן אויסגעארבעט.

די ווייטאג איז גאר גרויס ווי מ'קען אזוי פארקויפן די חינוך פון אומשולדיגע תינוקות של בית רבן אלעס צוליב אביסל געלט, און ס'איז באמת נישט קיין חילוק ווער ס'זענען די מוסדות וואס האבן זיך אנגעשלאסן דערין, צו זיי וואלטן סייווי אנגעקומען צו דעם אדער נישט, איז יעדנפאלס די ווייטאג גרויס אז איצט איז דאס געווארן אוועקגעשטעלט אויף אן אפיציעלן אופן מיט אן עמטליכע סדר פאר חסידי'שע מוסדות.

און אפי' יעצט ווען ס'ווערט באריכטעט אז די קהלה וואס האט אנגעהויבן מיט דעם פלאן האט צוליב דרוק געמיזט אביסל טוישן דעם ארגינעלן פראגראם וואס ס'איז געווען געפלאנט און מ'האט געמוזט שניידן דערפון, איז אבער דער ארגינעלע פראגראם געבליבן אפען אין די משרד החינוך און אנדערע מוסדות נעמען דאס אן. וואס לויט דעם קומט אויס אז די אומ'אחריות'דיגע שריט פון די פאליטיקאנטן וואס האבן צוליב אביסל געלט דאס אלעס אנגעדרייט, קענען דאס שוין נישט געהעריג צוריקדרייען נאכדעם וואס דאס איז שוין ליידער געווארן א פאקט.

זאל השי"ת העלפן אז 'ילמדו תועים בינה' און די אלע וואס האבן נאך א שייכות מיט די רשעים זאלן זיך שוין אויפמאכען די אויגען און זעהן דעם אמת און זיך געצליך אפשאקלען פון זיי, און מ'זאל בקרוב קענען אינאיינם מקבל זיין פני משיח צדקינו בנערינו ובזקינינו בב"א.

## די יהדות הנאמנה אין ירושלים שטייט גרייט מיט א שטורמישע מלחמה קעגן די געפלאנטע 'יום משטרה וקהילה'

געשעענישן אין די היימישע געגנט איז מיטן ציל איז אראפצונעמען די חומות וואס טוען אפטיילן צווישן דעם חרדי'שן ציבור און להבדיל די פרייע פורקי עול | גאנצע מטרה איז צו צוגעווינען דעם עולם צו די נידעריגע פאליציי סיסטעם | טאקע אט די פאליציי פירן זיך אויף מיט גרויס ברוטאלקייט קעגן די חרדישע מוחים

די יהדות החרדית אין ירושלים עיה"ק שטייט גרייט מיט אן אש קודש קאמפס גרייט קען די מזימות רשע פון די ציוניסטישע פאליציי וועלכע גרייטן זיך אויפן קומענדיגן מאנטאג אפצוערכטן זייערע צערעמאניעס וואס זיי רופן אן מיטן נאמען 'יום משטרה וקהלה' אין די היימישע געגנט נעבן עזרת תורה.

ס'איז שוין באוויסט די דעת פון אלע גדולי ישראל וואס האבן גע'אסר'ט נישט דורכצולאזן אזעלכע געשעענישן אין די היימישע געגנט וואס זייער ציל איז אראפצונעמען די חומות

המשך בעמוד ב'

# מספרי רבותינו

געקליבענע ענינים, סיפורים, און נאך

מספרי רבותינו הק' מוסדי דור ודור נבג"מ

## מאמר מענה לשון

**בגנות לשונם הטמא**

## קול קורא

## אזהרת תקיפי ארעא דישראל מדור העבר

עמ"י [עזרי מעם ה' עושה שמים וארץ] עש"ו.

מיר געפינען ביי אונז א גרויסען און הייליגען חוב צו געבן אונזער האנד מיט די רבנים הגאונים וואס טוען מאכען צוימען ארום די גרעניצען וואס די ראשונים האבען געמאכט אין דעם וויינגארטען פון די תורה הקדושה, אז מ'זאל נישט אויפברעכן קיין פירצות אין די מויערן פונעם הייליגען חינוך וואס איז מקובל אין אונזער אומנות שוין טויזנטער יארען, און אויף וואס אונזערע אבות הקדושים זענען געשטאנען דערויף מיט מסירת נפש, און יעדע נייע זאך איז פיגול און נישט באוויליגט, און בפרט דעם טויש און די תמורה וואס די מתחדשים האבען אויס געטראכט אויף צו טוישען א תורה שלימה מיט א שיחה בטלה, און אנשטאט לימוד התורה הקדושה האבען זיי זיך גענומען "דאס ארויס רעדן פון די ליפען דעם לשון העברית, צו מאכען שלעכט און נישט גוט" צו אונזער וויטאג האבען זיך אסאך טועה געווען אין די פאלשע דיעה וואס איז אינגאנצען אין קעגן זאץ פון די עיקרים פון די תורה הקדושה, און יעדער וואס איז מחזיק און שטיצט אין איר מיט וואס פארא כוונה עס זאל נאר נישט זיין, "איז ראוי צו שרייבען אויף אים דעם טיטל זקן ממרא", און דער אייבירשטער זאל געבן אין אונזער הארץ אים צו דינען מיט איין פלייצע [אינאיינעם] מיט א גאנץ הארץ צו גיין אין די אייביגע וועגן אזוי ווי די פארצייטישע טעג, וואס דער אייבירשטער האט זיי [די וועגן] שוין געהייליגט, ונזכה לראות בנחמת ציון, ובבנין ירושלם בב"א

בעה"ח ט"ז מרחשון תרע"ט

יצחק ירוחם בהגאון החסיד מו"ה משה יהושע יהודא ליב זצ"ל דסקין

יוסף חיים זאנענפעלד, משה נחום וואללענשטיין

♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦♦

## הגה"ק רבי חיים צבי טייטלבוים זצ"ל

## אבדק"ק סיגוט בעמח"ס עצי חיים

ב"ה, ב' נח תר"פ לפ"ק, סיגוט יצ"ו

כבוד ידידי הרב הגאון המפורסם מעוז ומגדל אוצר בלום כש"ת מו"ה אברהם יוסף גריוואלד נ"י אבד"ק חוסט יע"א

איך בין דא מיט דעם בריוו אויף דעם ענין וואס איך האב גערעדט מיט כבוד תורתו הקדושה ווען איך בין געווען אין חוסט, איבער דעם נגע פון ציונות וואס האט זיך אנגעהויבען צו פארשפרייטען אויך אין אונזערע גלילות, און עס איז נישט קיין צייט צו שווייגען וויל זיי קענען נישט זיין שטיל, און אזוי ווי א ים טוען זיי שטורעמען אויס צו שפרייטען א נעץ צו די יונגע פון אידישע קינדער, וועגן דעם דארף מען זיך אונטער גארטלען און שטיין אקעגן זיי מיט גאנצן תוקף און שטארקייט אז זיי זאלען נישט מאכען זייער פאפערישע נעץ.

און עס איז וויכטיג לויט מיין מיינונג צו מאכען א איסור זיך נישט צו באהעפטען מיט זיי ח"ו און אויך אויף די לימוד פון העברעאיש אין די שולען, וועגן דעם וויל איך בעטן כבוד תורתו הקדושה צו מסכים זיין צו שרייבען א נוסח מיט וואס פארא אויסשפראך דער נוסח זאל זיין געשריבען, און דעמאלס וועל איך שרייבען אויך צו אונזער פריינד הרה"ג פון ווישא נ"י (בעל קרן לדוד) און אויך צו אנדערע רבנים נ"י פון אונזער געגנט אז זיי זאלען אויך קומען על החתום און איך האף אז בעזהי"ת מיט דעם וועט געלונגען אין אונזערע הענד צו פארשטערן זייערע מזימות.

והשי"ת יהי' בעזרינו שחפץ ה' בידינו יצליח ויתרבה כבוד שמים בהרמת קרן כלל ישראל.

ידידו דושת"ה באהבה רבה ומחכה לשמוע ממנו אך בשו"ט בכל עת

**חיים צבי טייטעלבוים**

וואס טוען אפטיילן צווישן דעם חרדי'שן ציבור און להבדיל די פרייע פורקי עול, און די גאנצע מטרה פון אזעלכע אפהאלטונגען איז צו צוגעוויינען דעם עולם צו די נידעריגע פאליציי סיסטעם א.ד.ג. און דאס קומט איצט פאר טאקע אינעם סאמע ברען פון די מערכה וואס ווערט געפירט שוין א לענגערע צייט אין ירושלים עיה"ק למען קדושת המחנה [וועגן די לייכטע באן] און טאקע אט די פאליציי פירן זיך דארט אויף מיט גרויס ברוטאלקייט קעגן די חרדישע מוחים אט זיי ווילן זיך איצט אנשטעלן א שיינעם פנים כאילו ס'איז נישט דאס וואס מ'זעהט ביי די פראטעסטן.

אין ליכט פון די געפערליכע חוצפה זייערע וועט דאס יהדות החרדית נישט זיצן מיט פארלייגטע הענט נאר יעדער שטייט גרייט אויפן בעפארשטייענדע מאנטיג אן אויב וועט דאס נישט ווערן אפגערופן וועלן מאסן בני ירושלים ארויסגין אין א שטורמישע פראטעסט וואס וועט קלאר מאכן פאר די ברייטע גאס אז זאנס וועט נישט ווערן צוגעלאזט אין די היימישע געגנטער און ס'וועט נישט ווערן געעפנט אפי' א קליינע שפאלט אין די חומה המבדלת צווישן די חרדי'שע גאס און להבדיל די פרייע גאס.

ס'איז צום האפן אז דאס וועט באצייטנס ווערן אפגערופן און די קדושת ירושלים וועט ווייטער געהאלטן ווערן ווי עס פאסט פארן פלטרין של מלך ורוח הטומאה יעביר מן הארץ.

**נועצים טלפיהם בחומת בת ציון**

# - להציל -

20

באריכטן און פאקטן איבער הצלת יהודות אוקריינע אויפ'ן פראנט אין

**אוקריינע | מאלדאווע | אונגארן | פולין | עסטרייך | ארץ ישראל**

שע"י וועד להצלת יהודות אוקריינע

## א' תולדות

- פון ארמעניא איז געקומען די באריכט פונעם שליח הוועד וואס איז דארט געוועון דעם פארגאנגעם שב"ק, אז עס זענען טאקע דארט פארהאן בערך 400 אידען וואס זענען לעצטענס ארויס פון רוסלאנד, אבער עס איז דארט ממש א מדבר שממה, עס איז נישט דא קיין קהלה, קיין מקוה, גארנישט, אבער פון די אנדערע זייט זענען די אידען נאכנישט אין א דרגא פון זוכען אידישקייט, דאס הייסט אז מ'וועט זיי צושטעלן כשרות און א מעגליכקייט פון האלטען שבת א.א.וו. וועלן זיי הנאה האבען, אבער אויב נישט שטערט זיי נישט, וואס ביי דעם מציאות איז שוין דא א אנדערע סארט ארבעט וואס דער וועד האט נאכנישט קיין א סאך געטוען אין דעם צוריק צו ברענגען אידען וואס האבען נאכנישט די אייגענע שטופ צו אידישקייט, אבער די אידען וואס זענען שוין דארט געוועזן פריהער, טענ'ען אז עס איז דאך כדאי אנצו הייבען זיי צוזאם צו נעמן און רעדן פאר זיי וואס אידישקייט איז און דערנענטערן צו אידישקייט צוביסלעך, און בכלל מאכען דארט א אידישע צענטער, ווייל חוץ וואס דאס קען זיי אסאך אויפהייבען און מאכען פון זיי געהעריגע שומרי תורה ומצות, קען דאס אויך זיין א הילף פאר די אידען וואס קומען נאך ארויס אין משך פון די קומענדיגע תקופה, אז די וואס קומען אהין זאלען דארט עפעס טרעפן ס'זאל זיין ווי צו באקומען אידישקייט. מ'האט אפגעשמיסט אז זיי זאלען קודם אליין עפעס אנהייבען, און מיר וועלן זעהן נאכדעם מיט וואס מיר קענען זיי צו העלפען.

## ד' תולדות

- פון פראקפורט איז נאכאמאל געקומען א קריאה פון הרב יוסף יצחק האבלין שליט"א אז אזוי ווי עס געפונען דארט לערך 500 נפשות פון די פליטים, וואס א חלק פון זיי זענען צושפרייט אין שטאט און מ'ווייסט ניטאמאל פון זיי. און אוודאי האט מען נישט זיכער געמאכט אז זיי האבען אידישע צרכים ווי כשרות מקוה א.א.וו., און חוץ דעם קומען נאך צו א סאך פרישע פליטים צוליב די צומישטע מצב אין די מלחמה - ווי מצד אחד איז שווער געווארען דאס לעבן אין אוקריינא צוליב די מאנגעל אין לעקטער, וואסער, הייצונג, צוליב דעם וואס שטאטישע איינריכטונגען פאר די אלע זאכען זענען געשעדיגט געווארען פון רוסישע באמבאדירונג'ן, און א סאך מענטשען זוכען צו אנטלויפען פון לאנד, און פון די אנדערע זייט איז דא אסאך מענטשען וואס זענען יא רואיג צו בלייבען דארט ווען די סכנה אליין פון די רוסען איז א ביסל גרינגער לעת עתה, - ממילא איז דא אסאך וואס ווילען אנטלויפען און זיי זוכען זיך אליין ווי צו גיין און קומען אן אויף גוי'אישע פלעצער, אן קיין שום אידישקייט, ווי כשרות, שבת, חינוך. וואס לאור פון דעם אלעם איז זייער וויכטיג צו ארויס העלפען עכ"פ מיט וואס מ'קען, אזוי זאלען זיי זיך נישט ווערן אינגאנצען פארלוירען צווישען די גוים, ווי למשל יעצט קומט חנוכה וויל דער רב דארט הרב האבלין שליט"א שיקען פאר יעדע משפחה א מנורה און א פאר פראדוקטען לכבוד חנוכה, אזוי וועלן די פליטים שפירען אז אידען האבען זיי אין זינען, און זיי וועלן זיי נישט אריינפאלען צו די גוים, וואס זיי די גוים להבדיל נוצען אויך אויס די געלעגנהייט צו טיילען פראדוקטען פאר זייערע טמא'נע חגאות. ממילא האט הרב האבלין שליט"א געבעטן אז מ'זאל אים ארויס העלפן מיט נאך געלט און אזוי ראטעווען די אידען פון אינגאנצען אוועק פאלען ר"ל צווישען די גוים.

- נאך האט הרב האבלין איבער געגעבען אז די כשר'ע עסן וואס ער פלעגט טיילען פארגאנגענעם יאר פאר ארום 100 נפשות האט ער שוין פון נאך ר"ה נישט געקענט מער אנהאלטען צוליב מאנגעל אין געלט, ממילא האט ער שוין נישט קיין קשרים מיט די פליטים, וועגן דעם איז נאך מער וויכטיג מ'זאל חאטש לכבוד חנוכה ארויס העלפען מיט וואס מ'קען אזוי זאלען זיי שפירען אז אידען האבען זיי אינזין.

- פון די שטאט "באקור" אין "איזברוזאן" ווי דער שליח הוועד איז געוועזן א וואך צוריק, האט מען יעצט גערופען אז דער ממונה פון אידישע קהלה דארט אין שטאט האט היצט גרייט 7-8 קינדער וואס זענען שוין לעת עתה אנגעקומען צו גויאישע שולעס, אבער זיי זענען גרייט צו גיין אין דעם אידישען מוסד וואס געפינט זיך דארט, אויב מ'שטעלט צו אביסעל הוצאות וואס קומט צו, ווי למשל: א קאר זיי צו ברענגען פון די אנדערע געגנט, צושטעלן עסן וואס זיי האבען באקומען דארט אין די גויאישע שולעס וכדו', וואס דאס איז ממש א הצלה פאר די קינדער זיי ארויס צו נעמען פון די גויאישע חינוך, און מיט א אביסעל געלט קען מען ראטעווען דורות.

- פון א"י קומט אריין נאך א פתח פון הילף פאר די פרישע אנטלאפענע אידען פון רוסלאנד, אז אין "חיפה" איז דא א מוסד פאר רוסישע קינדער. און זיי זענען גרייט צו ארבעטען מיט פרישע עולים זיי צו געבן א ערליכע חינוך און זיי ארויס צו העלפן אביסל מיט אנדערע צרכים, אבער מ'דארף נאך צו האבען א עסקן וואס זאל ארום גיין צו די אלע אידען גלייך ביים אנקומען אין עירפארט און זיי איבערגעבן ווי זיי קענען גיין און באקומען אלע אידישע צרכים און ווי נישט צו גיין.

## ה' תולדות

- דער עסקן לש"ש הרב ישי פר"מ שליט"א וואס געפינט זיך די טעג אין מאסקווע פאר פריוואטע סיבות, האט אנגערופען אז ער האט דארט זיך געטראפען מיט איינעם פון מנהיגים פון די אידישע קהלות אין רוסלאנד און געבעטען אז ער זאל מודיע זיין פאר יעדן וואס מעלדט זיך אז ער וויל פארען קיין א"י אז די פאסיגסטע פלאן פאר אים איז ער זאל זיך פארבינדען מיט אים ר' ישי פר"מ, און איבערגעבן זיין נומבער, אזוי זאל ער אים קענען גלייך מסדר זיין צו איינעם פון די היימישע געגענטער, ווי עס וועלן אים באגלייטען חרדישע אידען, און אזוי זיי צו פארהיטען זיי זאלען נישט אריין פאלען אין די הענד פון די פרייע און די שונאי הדת וואס לאקערען אויף זיי.

- שפעטער האט ער געהאט א אסיפה מיט איינעם פון די הויפט רבנים אין רוסלאנד וואס ער האט אויך איינגעשטומט מיט צו ארבעטען מיט אים, צו פארבינדען די וואס גייען ארויס קיין א"י זאלען זיך קודם פארבינדען מיט די עסקנים כדי זיי מסדר צו זיין פאראויס אין ערליכע פלעצער, זיי זאלען נישט פארשלעפט ווערן ביים אריינקומען קיין א"י.

- **נאך איז באקאנט געווארען אז די צאל פון די פרישע עולים פון רוסלאנד וואס זענען שוין אנגעקומען קיין א"י האלט שוין יעצט "העכער 30 טויזענט" אידען, וואס כאטש נישט אלע דערפון זענען פרומע אידען אבער א גרויסע פראצענט דערפון זענען יא פרום, דאס איז שטארק מחייב אז מ'דארף דריגענד זעהן וואס מ'קען טוען צו ראטעווען די אידען בעוד מועד.**

- פון רבי בערל ראבינאוויטש שליט"א פון "באד האמבורג" "דייטשלאנד" איז נאכאמאל געקומען א קריאה צו מ'קען אים ארויס העלפען, ער האט געדינגען א פלאץ פאר די חינוך אפאראט וואס ער האט געפענט פאר די קינדער פון די פליטים אין זיין שטאט, און די גאנצע עול פון באצאלען סיי די איינגעשטעלטע און סיי די שכירות פון דאס פלאץ ליגט אויף אים אליין, און אויב מ'וועט אים ארויס העלפן וועט ער אסאך מער קענען אויף טוען.

# ביאורי הלכה ע"א

פסקי הלכות און רייכע הלכה'דיגע ערקלערונגען
**אויף די מאורעות הזמן**

## די וועג ווי אזוי מברר צו זיין ווי צו וואוינען - המשך

א. דער וועג וואס מיר האבען דערמאנט ווי אזוי מברר וואו צו וואוינען, אז דאס דארף מען מברר זיין דורך די השגחה עליונה, צו זעהן ווי אזוי מען פירט אים צו פון הימעל. דארף מען צולייגען אז דאס איז געווען די הנהגה וואס כלל ישראל האט זיך געפירט אין אלע דורות, וואס צוליב דעם זענען נישט ארויף געגאנגען קיין א"י אפילו גדולי ישראל, תנאים ואמוראים, און גדולי הפוסקים, כאטש זיי האבען זיך משתדל געווען ביי אלע מצות מקיים צו זיין מיטן גאנצען הארץ און גאנצן נפש, פונדעסטוועגן האבען זיי געוויסט אז ביי דעם ענין פון וואוינען אין א"י אדער חו"ל, איז דאס דער וועג צו קוקען און זעהן וואס דער אייבערישטער פירט צו, און נישט זיכען צו טוען אנדערש.

## צו ס'איז דא א מעלה פון ישוב א"י היינטיגע צייטען

ב. פון דעם אלעם קומט אויס אז חוץ פון דעם וואס מיר האבען שוין געשריבען אז די דעת הפוסקים איז אז היינטיגע צייטען גייט נישט אן די מצוה פון ישוב א"י, און עס איז נישט קיין מעלה צו גיין דארט וואוינען צוליב דעם טעם פון רבינו חיים כהן אז מ'איז דארט אויסגעשטעלט אריין צו פאלען אין גרויסע מכשולות מער ווי אין חו"ל. איז יעצט צו געקומען נאך א וויכטיגע נקודה אז אפילו דער רמב"ן אליין וואס שרייבט ארויס אז ישוב א"י גייט אן היינטיגע צייטען, איז אבער אויך מודה אז ס'איז נישט דא קיין חיוב ארויף צו גיין פון חו"ל קיין א"י, ווייל דאס וואס ער שרייבט אז עס גייט אן ישוב א"י היינטיגע צייטען מיינט ער נאר אז דער וואס וואוינט ממילא אין א"י איז דערמיט מקיים א מצוה, ווייל די מצוה איז נישט בטל געווארען אינגאנצען בזמן הזה, נאר מ'קען עס נישט מקיים זיין געהעריג צוליב די גזירת הגלות, אבער ווער עס וואוינט שוין ממילא דארט איז מקיים די מצוה און עס ווערט אנגערופען א מצוה לדורות.

ג. וואס דאס איז נוגע למעשה, ווען מ'הערט אמאל אזא שפראך אז 'מ'דארף ארויף גיין קיין א"י כדי יוצא צו זיין שיטת הרמב"ן אז ישוב א"י גייט אן בזמן הזה', דארף מען צו וויסען אז דאס איז נישט ריכטיג, דער רמב"ן האט דאס נישט געשריבען אין ערגעץ אז מ'דארף ארויף גיין פון חו"ל קיין א"י, נאר ער זאגט אז דער חיוב איז געבליבען פאר דעם וואס קען דאס מקיים זיין, פאר וועם מ'האט אים צו געפירט פון הימעל ער זאל וואוינען אין א"י, אבער ארויף צו גיין פון חו"ל האט נישט געזאגט אז מ'זאל דאס טוען און מ'זאל נישט מקיים זיין דעם גזירת הגלות.

ד. די מצוה פון ישוב א"י פאר די וואוינען אין א"י ווענדט נישט צו דאס געלט פאר זיין פרנסה קומט פון ארץ ישראל אדער פון חו"ל, ווייל די דעת פון אלע גדולים איז געווען אז די וואס וואוינען אין א"י זאלען עוסק זיין בתורה דארט מיט טהרת הקודש און זיי זאלען ווערן אויסגעהאלטען דורך בני חו"ל, און די גדולים האבען נישט געוואלט אז עס זאל זיך פארמערן ארבעטערס אין א"י ווייל דאס קען ברענגען שלעכטע תוצאות, נאר די בני חו"ל זאלען זיי שטיצען און מיט דעם וועלן זיי אויך מקיים זיין ישוב א"י אזוי ווי א שותפות פון יששכר און זבולון, אזוי האט מען זיך געפירט אין אלע דורות. און אזוי עס שטייט אין א בריוו וואס אסאך גדולים האבען אינטער געשריבען, וואס זיי שרייבען דארט אז האט מען זיך געפירט פון ווען דער ישוב איז געגרינדעט געווארען דור אחר דור אז די הייליגע שטאט אז מוקדש פאר דעם וואס וועט מקדיש זיינע טעג פאר תורה און עבודה און אחינו שבחו"ל טוען זיי מחזיק זיין זיי צו פארשאפען זייערע געברויכען.




חלק מהוצאת הגליון
נתנדב ע"י
הרה"ח ר' ברוך שיינבערגער הי"ו
לרגל אירוסי בנו
החתן ר' יואל אהרן הי"ו
עב"ג הכלה בת הרה"ג ר' שמואל
פריעדמאן שליט"א
מרביץ תורה בקרית יואל יע"א
יה"ר שירווה רב תענוג ונחת מכל
יוצאי חלציו

קול יהדות אייראפע
בעלגיע 03-208-0194
ענגלאנד 020-7846-2395
פראנקרייך 33-975-185-163
אמעריקא 929-475-0030

פאר הערות אדער אנטייל צו נעמען אין די הוצאות רופט אריין אינעם "קול יהדות אייראפע טעלעפאן ליין" און דרוקט 4 צו ווערן פארבינדן צום אפיס.

BANK: BE37-3631-6301-7028 BIC: BBRUBEBB

mailing address: plantin en moretuslei 23/4, 2018 antwerpen, belgium